# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די באריממטע ליל שישי שיעורים



חקת-בלק
תש"פ לפ"ק
גליון קכ"ו

## פראגע

### זאל א חרד'ישער איד ארויסהענגען אן אמעריקאנער פאן אויף יולי 4?

## ענטפער:

לאמיר אייך עפעס זאגן, פופציג יאר צוריק וואלט איך נישט געערעדט וועגן דעם. איך רעד שוין מער פון פופציג יאר ברבים אבער איך האב נישט גערעדט וועגן אמעריקאנער פענער. מיר דארפן עס נישט. ווער דארף "אמעריקען-פלעגס"? עס האט נישט אויסגעפעלט. אבער היינט - אויב דו ווילסט עס טון - זאג איך א יישר כח.

ווייסט איר פארוואס ווייל אלע רשעים טרעטן אויפ'ן פאן, און זיי פרובירן צו פארשוועכן אמעריקע. ווייסט איר פארוואס זיי פארברענען דעם פאן? ווייסט איר פארוואס זיי פארשוועכן דעם פאן? נישט ווייל זיי זענען גוטע גוים און זיי פרובירן צו פארבעסערן אמעריקע; נאר ווייל זיי זענען רשעים גמורים; די ליבעראלן פרובירן אלעס **חרוב צו מאכן**. און ווען די רשעות'דיגע סופרים קאורט האט ערלויבט צו פארברענען דעם אמעריקע פלעג, און זאגן אז די סטעיטס קענען נישט מאכן קיין געזעץ קעגן דעם, איז עס געווען א פארשוועכונג פאר אמעריקע.

נאך אלעם, אמעריקע איז א גוטע מדינה. מיר זענען געקומען פון לענדער וואו מען האט אונז גע'רודפ'ט, און דער לאנד האט אונז געגעבן אלע רעכטן. איך וואלט געזאגט מיר זאלן קישן די ערד פון אמעריקע. איך בין געווען אין אייראפע פאר א שטיק צייט; איך בין געגאנגען לערנען אין די סלאבאדקע ישיבה. און ווען איך בין צוריקגעקומען, האב איך נאך מער געזען וואספארא געבענטשטע מדינה ס'איז; עס איז א מתנה פון השי"ת פאר אונז. זאלן מיר נישט האבן הכרת הטובה?!

און דערפאר האלט איך אז א איד זאל ארויסהענגען דעם פאן. יא; היינט צוטאגס יא. איך וואלט נישט געזאגט אז דו טוסט אן עבירה אויב נישט, אבער איך מיין אז ס'איז א גוטע זאך ארויסצוהענגען היינט צו טאגס דעם פאן. ס'איז בכלל נישט קיין סתירה מיט'ן זיין א פרומער איד. מיר הענגען ארויס דעם פאן פון אונזער שול יעדן יולי 4. (#883)

## פראגע

### איז וויכטיג צו דאווענען מיט מנין?

## ענטפער:

נישט נאר ס'איז וויכטיג, נאר ס'איז א **חיוב** צו דאווענען מיט מנין. תפלה בציבור איז א חיוב און אויב מענטשן פארנאכלעסיגן עס זאלן זיי וויסן אז זיי טוען נישט זייער חוב. יעצט אויב מען קען זיך נישט העלפן צוליב פרנסה, איז עס א צווייטע שאלה. איך זאג נישט גארנישט. אבער ס'איז אויסדרוקליך א חיוב צו דאווענען מיט א מנין.

אבער איך מוז אייך זאגן, עס ווענד זיך וועלכע סארט מנין. אויב די מנין איז אזא שנעלע מנין אז אויב דו גיבסט א היס האסטו שוין פארפאסט, גיי נישט צו יענעם מנין. אבער אויב דו קענסט דאווענען מיט א שטאטע מנין, איז עס א ווערדפולע מתנה. דאווענען מיט כונה איז זייער א וויכטיגע זאך - זייער וויכטיג! "ותפלת ישרים רצונו" - דער אויבערשטער גלוסט די תפלה פון ערליכע מענטשן. ער וויל הערן תפלה. "הקדוש ברוך הוא מתאוה לתפלתן של צדיקים" - ער וויל הערן די תפלה, אבער עס דארף זיין די תפלה פון ישרים, די תפלה פון צדיקים. מען דארף נעמען די צייט צו פארשטיין וואס מען זאגט.

בדרך אגב, עס איז זייער כדאי צו לערנען דעם פירוש אויף תפלה. רוב מענטשן האבן קיינמאל נישט אוועקגעגעבן קיין צייט צו טראכטן וועגן די פירוש פון די תפלה און זיי פארפאסן א גאר גרויסע געלעגנהייט. די ווערטער פון דאווענען זענען א גאלדן-גרוב פון תורה-השקפות, און ווי מער מען דאוונט מיט כונה, איז **המחשבה נמשכת אחר הדיבור** - דיינע מחשבות פאלגן וועונטועל נאך דיינע ווערטער. איינמאל מען געוואוינט זיך צו זאגן די ווערטער פון דאווענען מיט מחשבה, הייבט מען אן צו לעבן די געוואלדיגע אידעאלן וואס מען דרוקט זיך אויס אין די תפילות. (E-138)

פראגע

## פארוואס זענען אזעלכע גרויסע פערזענליכקייטן ווי אונקלוס הגר געבוירן געווארן גוים, וואלטן זיי נישט געווען גרעסער אויב זיי וואטן געבוירן געווארן אידן?

ענטפער:

דו קענסט אויך פרעגן, פארוואס איז נישט אברהם אבינו געבוירן געווארן א איד? אברהם איז געבוירן געווארן א בן נח און נישט קיין איד?

דער ענטפער איז אז ס'איז געווען א נסיון און ער איז בייגעשטאנען דעם נסיון און **טאקע דאס האט אים געמאכט אזוי גרויס**. דאס איז געווען פון די עשרה נסיונות וואס אברהם האט דורכגעמאכט און דאס האט אים געמאכט גרויס. די גרויסע מענטשן וואס קומען צו אונז פון די דרויסנדיגע וועלט און קומען אריין תחת כנפי השכינה, זענען ספעציעל באליבט צוליב דעם.

ס'איז דא א מצוה אין די תורה ליב צו האבן א גר, ס'איז א ספעציעלע מצוה. דער רמב"ם זאגט, "אהבת הגר שבא ונכנס תחת כנפי השכינה" - ער איז אריינגעקומען אונטער די פליגלען פון די שכינה. פארוואס דארף אונז דער רמב"ם ערקלערן וואס א גר מיינט? מיר ווייסן וואס א גר מיינט! דער רמב"ם זאגט אונז נישט דא **וואס** א גר איז, נאר **פארוואס** ס'איז א ספעציעלע מצוה ליב צו האבן א גר: ווייל ער איז אליינס געקומען, פון זיין אייגענעם ווילן, און דאס האט געמאכט אונקלוס אזוי גרויס.

אונקלוס האט געהאט זייער אסאך שטערונגען. ער איז געבוירן אין א קעניגליכן הויז, ער איז געווען א פלומעניק פון דאמיטיאן קייזער. דאמיטיאן, דער רשע וואס איז באטראכט געווען אלס רשע אפילו דורך זיינע אייגענע רוימער, און אודאי איז ער געווען א פיינט פאר די אידן. פון דעסט וועגן האט אונקלוס ממשיך געווען אין זיינע וועגן. און דערפאר איז אים אלס שכר געגעבן געווארן די געלעגנהייט דורכצוברעכן די מויערן און קומען אונטער די כנפי השכינה.

פראגע

## פארוואס איז די ברכה "שעשה לי כל צרכי" - ער מאכט אלע מיינע געברויכן - ספעציפיש אויף שיך?

ענטפער:

דער איבערשטער האט נישט געוואלט אפן דערמאנען די ווארט שיך, צוליב "ורחמיו על כל מעשיו". שיך ווערט געמאכט פון פעל פון בהמות. ס'איז א צער. די בהמה ווערט דא גענוצט צו טרעטן דערויף, און הקב"ה וויל מיר זאלן עס זאגן אין א לשון נקיה, לשון של כבוד, און דעריבער זאגן מיר "אז ער האט אונז געגעבן אלע געברויכן", און מיר פארשטייען שוין וואספארא גרויסע תועלת א שוך איז.

א שוך איז זייער א קאמפליצירטע זאך. עס האט הארטע לעדער פאר די פאדעשווע (Sole), ווייכערע לעדער איובן פון די שוך, אויך האט עס ראבער ביי די פערזשע (Heels), צו מאכן באקוועמער דאס גיין. עס האט לעכער אריינצולייגן די שוך-בענדל, און דערפאר איז עס א **געוואלדיגע עררייכונג** צו מאכן שיך, מיר קענען זיך נישט אליינס מאכן א שוך. א שוך איז א הערליכע אפאראט.

דער איבערשטער זאגט, "ווען איך גיב דיר א שוך, אנערקען די בענעפיט פון די שוך." עס איז א שאד אז אסאך מענטשן טראכטן ניטאמאל וואס זיי זאגן. כאפ א בליק אויף דיינע שיך ווען דו מאכסט די ברכה, און טראכט ווי פאכמאניש די שיך איז. היינט צו טאגס קאסט א פאר שיך א היפשע מטבע, און ס'איז ווערד.

עס זענען דא לענדער וואו מענטשן האבן נישט קיין שיך; רוב מענטשן גייען בארפיסיג. ווען איך בין געווען אין ליטע האב איך געזען די פויערן קומען אריין אין שטעטל, זייערע שיך זענען געהאנגען ארום זייער גענאק, זיי האבן נישט געוואלט זייער שיך זאל ווערן אפגעוועטשט אויף די וועגן; זענען זיי געגאנגען בארפיסיג. ווען זיי האבן שוין געדארפט אריינקומען אין שטעטל האבן זיי דעמאלטס אנגעטון זייערע שיך. שיך זענען צו קאסטבאר עס צו נוצן אויף די ראודס.

ברוך השם מיר טראגן אונזערע שיך אגאנצן צייט, עס באשיצט אונזערע פיס. אויפ'ן גאס איז דא גלאז און נעגל, וואס וואלט געקענט געשען צו אונז? די שיך באשיצט אונז. עס איז אויך דא פאנגוס אויף די גאסן, אלע סארט פיס-קרענק, שיך איז א געוואלדיגע תועלת פאר אונז, און ס'איז א כבוד, ס'איז א באקוועמליכקייט פאר אונז.

דערפאר דארפן מיר דאנקען דעם באשעפער דערפאר. מען דארף נאר געדענקען איין זאך, אז דער איבערשטער וויל נישט מיר זאלן דערמאנען די לעדער פון די שיך, ווייל לעדער איז שוין א זאך וואס האט צו טון מיט בהמות. אסאך בהמות ווערן אויסגעשאכטן פאר זייער לעדער. "אה, פון דאס וויל איך נישט רעדן", זאגט השי"ת. "נאר ברמז בעלמא."

**די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת** (ענגליש)**, און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו** Signup@TorasAvigdor.org**, אדער גייט צו** torasavigdor.org**. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו** tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

סידור ועימוד ע"י **מערכת להתענג** וכל הזכויות שמורות

# אין אלע ספרים געשעפטן!




## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים

# וועכענטליך אויף אימעיל




**בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק**

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

**אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com**



באשיינט אייער
שמחה,
שבת התוועדות
- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות
קאסטום לויט אייער געשמאק
נֹעַם שַׁבָּת
פרשת שמיני
שבת התוועדות
של
משפחת פישער
זמירות לשבת
עם ניגונים ושירים באידיש
סידור
לשבת קודש
חומש
לפ׳ כי תצא
צו באשטעלן רופט:
מערכת להתענג 845-662-2782
אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב